ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ויחי

(חלק כה שיחה א)

יוצא לאור על ידי מערכת
״אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת ויחי, ח־יד טבת, ה׳תשפ״ו (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ויחי

א. אין דער היינטיקער סדרה בתחלתה[1] ווערט דערציילט ווי יעקב אבינו האָט גערופן זיין זון יוסף און האָט אים געבעטן — „אל נא תקברני במצרים . . ונשאתני ממצרים וקברתני בקבורתם", און אַז נאָכדעם ווי יוסף האָט אים צוגעזאָגט „אנכי אעשה כדברך" האָט יעקב געזאָגט „השבעה לי — וישבע לו".

איז לכאורה תמוה (ווי מפרשים פרעגן[2]): פאַרוואָס האָט זיך יעקב ניט באַנוגנט מיט יוסף'ס צוזאָג און פון אים געפאָדערט אויך אַ שבועה? צי דען האָט יעקב ח"ו חושש געווען, אַז יוסף וועט ניט אויספירן זיין צוזאָג[3]?!

מפרשים ענטפערן[2], אַז די שבועה איז ניט געווען צוליב יוסף'ן (צו פאַרזיכערן אַז ער וועט מקיים זיין הבטחתו), נאָר צוליב פרעה'ן: אַזוי ווי פרעה וועט וועלן*[3] אַז מ'זאָל יעקב'ן מקבר זיין אין מצרים[4] און וועט דערפאַר זוכן אָפּצו־האַלטן יוסף'ן פון מקיים זיין בקשת יעקב — דערפאַר האָט יעקב משביע געווען יוסף'ן אויף דעם (און דערמיט באַוואָרע־נען אַז פרעה זאָל ניט קענען אָפּהאַלטן, ווייל ער וועט ניט צווינגען יוסף'ן צו עובר זיין אויף אַ שבועה).

מ'האָט שוין פיל מאָל גערעדט, אַז אַלע שאלות וואָס ווערן נתעורר בלימוד פשוטו של מקרא ווערן פאַרענטפערט אין פירוש רש"י על התורה[5]. איז לפי"ז ניט מובן: פאַרוואָס באַוואָרנט ניט רש"י די שאלה האמורה (וואָס איז אַ שאלה (אויך) אין דרך הפשט)?

נאָך מער: דער תוכן פון דעם פירוש הנ"ל ווערט טאַקע געבראַכט אין פירוש רש"י, אָבער ערשט שפּעטער — אין דעם סיפור וועגן קבורת יעקב (בפועל), אויף דעם וואָס פרעה האָט געזאָגט יוסף „עלה וקבור את אביך כאשר השביעך"[6], איז רש"י מפרש: כאשר השביעך, ואם לא בשביל השבועה לא הייתי מניחך.

אָבער דערפון גופא וואָס רש"י זאָגט דאָס ניט באותו ענין נאָר ערשט שפּע־טער לאחרי הברכות וכו' — איז מוכח, אַז ניט דאָס איז דער טעם (לויט פרש"י) פאַרוואָס יעקב האָט משביע געווען יוסף'ן (דאל"כ, וואָלט דאָס רש"י גע־זאָגט גלייך אויף די ווערטער „השבעה לי");

מוז מען זאָגן, אַז רש"י נעמט אָן אַז דער טעם פאַרוואָס יעקב האָט משביע געווען יוסף'ן איז (ניט אויף נוצן עס אַלס אַ לחץ פאַר פרעה, נאָר) ווי די מטרה פון אַ שבועה בפשטות — צו פאַרשטאַרקן די זאַך ביי יוסף'ן גופא.

1) מז, כט־לא.

2) ראה רמב"ן, ספורנו, כלי יקר, אוה"ח ועוד (פסוק לא).

3) ואינו דומה לשבועת אברהם למלך סדום (לך יד, כב ובפרש"י), שבועתו לאבימלך (וירא כא, כג־כד), שבועת אליעזר לאברהם (ח"ש כד, ג ואילך), שבועת עשו ליעקב (תולדות כה, לג) וכיו"ב — שלא הי' האחד נאמן (בוודאות) אצל השני. וראה רמב"ן ח"ש ותולדות שם.

— אבל אי אפשר לומר כן בנוגע לשבועת הקב"ה [נח ח, כא ובפרש"י. לך טו, יח („כרת ה' גו' ברית". וראה פרש"י ח"ש כד, ז. ולהעיר מפרש"י תולדות כו, לג), וירא כב, טז. ובכ"מ]. ואכ"מ.

*3) כפרש"י כאן פסוק כט (בסופו).

4) ראה פרש"י ויגש מז, יו"ד. שם, יט.

5) כדמוכח מזה שבמקומות שלא מצא רש"י תי' ע"ד הפשט כותב „לא ידעתי" וכיו"ב (תולדות כח, ה. ועוד — ראה לקו"ש ח"ה ע' 1 שוה"ג להערה 2).

6) נ, ו.

והדרא קושיא לדוכתא: וואָס האָט געפּעלט אין יוסף'ס צוזאָג אַז יעקב זאָל פאָדערן פון אים אַ שבועה דוקא?

ב. וי"ל הביאור אין דעם:

דער אויפטו פון אַ שבועה אויף סתם אַ הבטחה איז:

ווען איינער נעמט אויף זיך צו טאָן עפּעס מיט אַ שבועה, בינדט ער זיך אין אַן אופן, אַז די זאַך מוז געטאָן ווערן אונטער אַלע אומשטענדן – אַפילו אויב עס וועלן זיין כמה מניעות ועיכובים אויף ניט צו טאָן די זאַך, וועט ער, מצד השבועה, זיך ניט רעכענען מיט קיין שום חשבונות און מקיים זיין די שבועה אונטער אַלע אומשטענדן.

און דערפאַר איז אויך אַ חילוק אין דער שימת לב אויף דורכפירן די זאַך:

ווען איינער איז (סתם) מבטיח צו טאָן עפּעס בעתיד, איז לאו דוקא אַז דאָס זאָל אים נאָכאַנאַנד „ליגן אין קאָפּ"; בשעת עס וועט קומען למעשה – וועט ער דעמאָלט טאָן כל מה שביכלתו אויף צו דורכפירן זיין צוזאָג.

בשעת אָבער ער נעמט עס אויף זיך מיט אַ שבועה[7], איז ער ניט מסיח דעת דערפון, וויסנדיק אַז די זאַך מוז זיך אָפּטאָן, און אויב ניט איז עס פאַרבונדן מיט'ן חומר פון עובר זיין אויף אַ שבועה[8].

און דאָס איז דער טעם (בפשטות) פאַרוואָס יעקב האָט משביע געווען יוסף'ן „ונשאתני ממצרים", און האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט וואָס יוסף האָט אים צוגעזאָגט „אנכי אעשה כדברך": יעקב האָט געוואָלט אַז יוסף זאָל זיך נאָכאַנאַנד **באַוואָרענען בזה. געפינענדיק זיך „בארץ לא להם"[9] קען מען ניט וויסן וועלכע שוועריקייטן עס וועלן אויפקומען אויף ניט דערלאָזן יוסף'ן שפּעטער צו דורכפירן הבטחתו; דאַרף מען זוכן עצות ותחבולות ווי צו** מלכתחילה באַוואָרענען **עס זאָלן ניט זיין קיין מניעות** בעתיד.

ג. עס איז אָבער נאָך ניט אינגאַנצן גלאַטיק:

אויך יוסף האָט געוואוסט פון די שוועריקייטן הנ"ל וועלכע פאָדערן אַז מען זאָל מלכתחילה באַוואָרענען זיי (ובפרט אַז יעקב האָט אים גלייך געבעטן „שים נא ידך (תחת ירכי) – והשבע"[10] אַז דאָ פאָדערט זיך אַ זירוז פון אַ שבועה) – האָט לכאורה זיין הבטחה „אנכי אעשה כדברך" כולל געווען אויך דעם ענין, אַז ער וועט „טאָן" אין דעם באופן פון שים גו' והשבע – איז פאַרוואָס האָט יעקב איבערגעחזרט „השבעה לי"?

איז דער ביאור (פנימי) בזה: דער אַרויסטראָגן גופו של יעקב פון מצרים בשעת אידן בלייבן נאָך אין מצרים איז לכאורה ניט לטובתם של בני ישראל – וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט[11] אנכי ארד עמך מצרימה (ובפרט – בפנימיות – איז דאָס היפך „ענינו" של יוסף). און דעריבער האָט יעקב געבונדן יוסף מיט אַ שבועה בפירוש דוקא.

וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים הביאור, אַז אין דעם ענין (שלילת הקבורה בארץ מצרים) געפינט מען אַ חילוק צווישן יעקב און יוסף: יעקב האָט אָנגעזאָגט „אל נא תקברני **במצרים** . .

---

7) ראה פרש"י לעיל במקומות שנסמנו בהערה 3. ועוד.

8) ע"ד פרש"י לעיל מג, ט. מד, לב.

9) לך טו, יג.

10) פרש"י מז, כט.

11) ויגש מו, ד.

ונשאתני ממצרים״ — מען זאָל ניט דער־לאָזן אַז ער זאָל לאחר פטירתו בלייבן אין מצרים אפילו באופן עראי; דאַקעגן יוסף האָט בלויז משביע געווען די בני ישראל „והעליתם את עצמותי מזה״, אָבער ביז דעם זמן פון „פקוד יפקוד גו׳״ איז ארונו של יוסף געווען אין מצרים[12].

דער טעם (פנימי[13]) אויף דעם חילוק איז[*13]:

יעקב איז העכער פון גלות מצרים. וואָס דערפאַר, אפילו נאָכדעם ווי יעקב האָט יורד געווען אין מצרים איז מקומו געווען אין ארץ גושן, אָפּגעזונדערט[14] פון די מצרים; און דאָרטן גופא איז ניט געווען קיין מצב פון גלות[15] — אידן האָבן געהאַט „טוב ארץ מצרים גו׳ חלב הארץ״[16], און נאָכמער: „ויאחזו בה (אין ארץ גושן) — לשון אחוזה״[17]. משא״כ יוסף האָט יורד געווען אין (און צווישן) מצרים גופא.

[און דער טעם בזה: מדריגת יעקב (מצד עצמו) איז — אצילות, עולם האח־דות וואָס איז אינגאַנצן העכער פון עולמות בי״ע, ועאכו״כ פון דעם חושך פון מצרים; משא״כ ענינו של יוסף איז — „אלה תולדות יעקב יוסף״[18], צו אַראָפּ־טראָגן ענינו של יעקב אין עולמות בי״ע, ביז אין עולם הזה התחתון[19]].

און דערפאַר האָט גופו של יעקב כלל ניט געקענט בלייבן אין מצרים, און נאָך מער „ונשאתני ממצרים״ — „נשיאות״, מער פון „והעליתם״, עלי׳.

משא״כ יוסף, וועלכער דאַרף אויפטאָן אין מצרים, איז זיין ארון געבליבן אין מצרים כל זמן גלות מצרים, כדי אַז (זכותו של) יוסף זאָל זיך געפינען צוזאַ־מען מיט אידן בגלותם במצרים[20];

נאָר דערביי האָט יוסף משביע געווען את אחיו: והעליתם את עצמותי מזה — ווייל די כוונה פון דער ירידה למצרים איז דאָך צוליב דער עלי׳ שלאח״ז; אַז דורך דעם וואָס ארון יוסף איז געווען אין מצרים, האָט דאָס אויפגעטאָן, אַז בשעת אידן זיינען אַרויס פון מצרים און האָבן „מעלה״ געווען עצמות יוסף עמהם, האָט מען דורכדעם מעלה געווען די ניצוצי קדושה וועלכע זיינען געווען אין (די עניני) מצרים[21].

און דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס יעקב האָט געמאָנט פון יוסף׳ן אַ שבועה אויף דעם ענין פון תיכף

12) נ, כה־כו.

13) ע״ד הפשט — ראה פרש״י בשלח יג, יט.

*13) ראה גם לעיל ע׳ 255 ואילך.

14) שזהו הטעם להתיישבותם בארץ גושן דוקא (ראה ויגש מו, לד. וראה פרש״י שם: ירחיקכם מעליו).

15) ראה רש״י ריש פרשתנו.

16) ויגש מה, יח. וראה שם מז, ו.

17) ס״פ ויגש ובפרש״י שם. וראה בארוכה לקו״ש חט״ו ע׳ 405 ואילך.

18) ל׳ הכתוב — וישב לז, ב.

19) ראה בכ״ז — ביאוה״ז פרשתנו לאדהאמ״צ (ל, סע״א ואילך) ולהצ״צ (ע׳ קסט ואילך). אוה״ת פרשתנו (שפו, א־ב. כרך ה תתקצד, א ואילך. כרך ו תתשכב, ב ואילך). ועוד.

20) ראה ש״ך עה״ת פרשתנו עה״פ (מז, כט) ויקרבו גו׳.

21) להעיר שמנוחתו־כבוד של כ״ק מו״ח אדמו״ר — ששמו (הראשון) יוסף ועבודתו דומה בכמה פרטים לעבודת יוסף (ראה בארוכה לקו״ש ח״ג ע׳ 835 ואילך. ועוד) — היא ב„חצי כדור התחתון״ דוקא (ראה סה״מ תש״ח ע׳ 232 ואילך*. וראה שם ע׳ 236 בהערה**, שהמשכת התורה בחצי כדור השני היא ע״י עבודה במס״נ דוקא). ולהעיר מתו״א (ד, א) „כשצריכים להגבי׳ איזה דבר . . צריכים לאחוז בחלקים התחתונים שבו דוקא״.

*) נדפס גם באגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ב אגרת תריז.

**) אגרות קודש שם אגרת תקכה.

„ונשאתני ממצרים": היות אַז מצד (ענינו של) יוסף דאַרף אויסקומען אַז יעקב זאָל בלייבן דוקא אין מצרים, „בגין דיגין זכותי' על בנוי"[22] ווי זיי זיינען אין גלות מצרים (און דורכדעם וועט מען אויפטאָן אין עניני מצרים) — דערפאַר האָט יעקב געוואָלט אַז יוסף זאָל דאָס אויף זיך אָננעמען אין אַן אופן פון שבועה, למעלה מטעם ודעת.

[כידוע[23] אַז אַ שבועה איז ענינה, וואָס דערמיט בינדט מען זיך צו טאָן די זאַך אין אַן אופן פון למעלה מחשבונות[24], אַזוי, אַז קיין טעם (וסיבה) זאָל ניט זיין קיין אָפּהאַלט צו דורכפירן די זאַך].

ד. עס בלייבט אָבער נאָך ניט מוסבר: פאַרוואָס איז ביי יעקב'ן געווען אַזוי מופרך, אַז ארונו זאָל בלייבן אין מצרים[25], וויבאַלד אַז דאָס האָט געקענט אויפטאָן אַן עלי' אין עניני (ניצוצות פון) מצרים?

וי"ל הביאור אין דעם: „אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים"[26]. און דעריבער, כדי אַז אידן, זייענדיק אין מצרים, זאָלן קענען עולה זיין פון מצרים און אויך מעלה זיין די עניני מצרים, דאַרפן זיי האָבן אַ קשר — וברא כרעא דאבוהו[27] — מיט העכער פון מצרים (בית האסורים).

22) ל' הזהר פרשתנו (רכב, א).

23) ראה לקו"ת שמע"צ פג, סע"ב ואילך. ובכ"מ.

24) ע"ד שבועת הקב"ה לא אוסיף גו' (נח שם ובפרש"י) — אע"פ שיחטאו וכו'.

25) ע"ד הפשט — ראה פרש"י כאן (מז, כט) ובמפרשיו.

26) ברכות ה, ב. וש"נ.

27) יונת אלם רפ"ב. וראה תוד"ה מקמי — יבמות ג, א. רש"י כתובות צב, א ד"ה כבעל. — וראה לקו"ת ברכה צו, ב. ס' החקירה (להצ"צ) מו, א.

און דערפאַר האָט יעקב געדאַרפט זיין העכער פון מצרים, און נאָך מער — ער האָט משביע געווען יוסף'ן „ונשאתני ממצרים", ווייל דערמיט האָט ער „פאַר־בונדן" יוסף'ן מיט מדריגת יעקב ווי ער שטייט העכער פון מצרים (ונשאתני ממצרים). און עי"ז האָט געקענט דער־נאָך זיין בנוגע צו אַלע בני ישראל דער „ואנכי אעלך גם עלה"[28] — די עלי' פון גלות מצרים[29].

ה. דערפון האָט מען אַ הוראה לימינו אלה, אין גלות זה האחרון:

ווי גוט עס זאָל זיין דער מצב פון אַ אידן אין גלות — סיי בגשמיות, און סיי ברוחניות — אַז ער האָט „טוב ארץ מצרים גו' חלב הארץ"; ער לערנט תורה און איז מקיים מצות ביז אַז ער לעבט אַן אמת'ן רוחניות'דיקן לעבן

[ע"ד „ויחי יעקב בארץ מצרים"[30], ווי דער אַלטער רבי טייטשט[31], אַז וויבאַלד יעקב האָט אויפגעשטעלט אין מצרים אַ „בית תלמוד"[32], איז „אויך אין מצרים איז געווען ויחי געלעבט"]

— דאַרף ער אָבער שטענדיק וויסן און געדענקען, אַז אויך אין דעם מעמד ומצב מאָנט זיך די דרישה בתוקף „ונשאתני ממצרים" ביז צו תוקף דשבועה — דאָס איז גלות, ניט דער ריכטיקער אָרט פאַר אַ אידן און ער מוז דערפון אַרויסגעהויבן ווערן.

28) ויגש מו, ד.

29) ראה זהר פרשתנו שם: יעקב . . דחיל . . דילמא ח"ו ישתצון כו'. ע"ש.

30) ריש פרשתנו.

31) „היום יום" יח טבת.

32) תנחומא (ותנחומא באבער), יל"ש ופרש"י — ויגש מו, כח (ועד"ז בב"ר שם. וראה לקו"ש ח"ו ע' 161 ואילך (ושם ע' 164 הערה 33) — דיוק ל' אדה"ז שהובא בהיום יום שם).

און דאָס דאַרף זיין כנ״ל אין אַן אופן פון שבועה[33]: נוסף אַז עס איז אַן עיקר מי״ג עיקרים[34] בתורתנו: אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא, און ער ווייס אַז די שלימות ותכלית איז די גאולה (ווי תורה הקדושה זאָגט און איז מבאר בתושב״כ ובתושבע״פ — ווי דער רמב״ם איז מבאר[35]), נאָר דאָס איז אַ זאַך וואָס דערנעמט אים בפנימיות נפשו, ביז אַז ער האַלט אין איין האָפן און בעטן און מאָנען — „ונשאתני ממצרים״!

און ווי מען זאָגט בכל תפלה ותפלה (בימות החול) — „לישועתך קוינו כל היום״, וואָס דאָס מיינט אַז דריי מאָל אַ טאָג איז מען מכריז ומודיע, אַז מ׳איז מקווה לישועתך „כל היום״ — אַ גאַנצן טאָג און יעדן טאָג[36].

און דורך דער „הכרזה״ תמידית — אַז מען האָפט און מען בעט ביים אויבערשטן[37] אויף דער גאולה שלימה — פירט מען זיך אין גלות לויטן רצון פון אויבערשטן (וועלכער האָט געשיקט אידן אין גלות);

און דעמאָלט פועל׳ט ניט גלות קיין ירידה ח״ו ור״ל באַ אַ אידן, און פאַרקערט: עס ווערט „ונשאתני ממצרים״ — פון מצרים גופא ווערט אויפגעטאָן „ונשאתני״, די עלי׳ — יתרון האור מן החושך — ביז לדרגת נשא את ראש בנ״י, פון יעדן אידן און אַלע אידן.

(משיחות עשרה בטבת תשמ״ג, מוצאי ש״פ בשלח תשל״ח)

33) ולהעיר שהקב״ה הבטיח על הגאולה וגם נשבע ע״ז (ראה דניאל יב, ז. מדרש תהלים מזמור יז. ישעי׳ סב, ח. זח״א (מהנ״ע) קיד, סע״א. ועוד). וראה לקמן הערה 37.

34) פיה״מ להרמב״ם סנה׳ פ׳ חלק יסוד הי״ב. וראה רמב״ם הל׳ מלכים רפי״א: וכל מי שאינו מאמין בו או מי שאינו מחכה לביאתו לא בשאר כו׳ אלא בתורה ובמשה רבינו.

35) הל׳ מלכים שם.

36) גם בשבת ויו״ט (אף שלא באופן של צער, שחסר לו כו׳) — נוסף ע״ז שגם אז אומרים בכל תפלה „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״.

37) עפמ״ש בס׳ הליקוטים להאריז״ל (שמות בתחלתה) „יוסף זה הקב״ה״ — אולי י״ל שאמירת יעקב ליוסף „השבעה לי . . ונשאתני ממצרים״, מרמזת שכאו״א מבנ״י (יעקב) משביע כביכול את הקב״ה שיעלהו מן הגלות ובאופן דונשאתני.